בלומינג גראוו

# שטימע

BLOOMING GROVE VOICE

סיון תשפ"ה

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות

United Jewish Community of Blooming Grove




# ביהמ"ד לעיק שאור עפענט די טויערן פונעם נייעם בנין צום חג השבועות

## או. ענד אר. אינסטאלירט סטריט לייטס אינעם ווילעדזש

## ווילעדזש באקומט גרענט פאר עלעקטרישע אויטא טשארדזשינג סטאנציעס

## ווילעדזש באאמטע באטייליגן זיך ביי צוזאמקום ביים גאווערנאר מיט עסקנים פון גרעיטאר ניו יארק

## מעלדונג פון ווילעדזש פובליק ווארקס, איבער וועכנטליכע ראוד סוויפינג

## ברוכים הבאים פאר נייע תושבים

## וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט העכערט ווידעראמאל סקול בודזשעט מיט 7.4 מיליאן דאלער

## זומער סעזאן דערמאנונג

# ווילעדזש באורד פראגרעסירט פאראויס מיט גרינדן פובליק סעיפטי דעפארטמענט

די וואך מאנטאג, ביי די מאנאטליכע ווילעדזש באורד זיצונג, האט די ווילעדזש אפגעשטימט און געגעבן די גרינע ליכט צו פאראויסגיין מיט די גרינדונג פון די פובליק סעיפטי דעפארטמענט.

די ווילעדזש אדוואקאטן און פראפעסיאנאלן טוען אצינד צוגרייטן די נויטיגע דאקומענטן צו פרעזענטירן פארענט פונעם סטעיט דעפארטמענט און יוסטיץ צו ענדגילטיג אוועקשטעלן

דעם דעפארטמענט פאר די סעיפטי און זיכערהייט פון די שטאט.

שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה!

# וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט העכערט ווידעראמאל סקול בודזשעט מיט 4.7 מיליאן דאלער

| Washingtonville Central School District - Enrollment and Budget Data | | | | |
|---|---|---|---|---|
| School Year | Student Enrollment | Annual Budget | Enrollment Increase | Budget Increase |
| 2018-2019 | 3,898 | 98,660,000 $ | | |
| 2019-2020 | 3,801 | 103,048,857 $ | -2.49% | 4.45% |
| 2020-2021 | 3,724 | 106,875,135 $ | -2.03% | 3.71% |
| 2021-2022 | 3,740 | 109,623,308 $ | 0.43% | 2.57% |
| 2022-2023 | 3,805 | 116,675,305 $ | 1.74% | 6.43% |
| 2023-2024 | 3,806 | 124,356,502 $ | 0.03% | 6.58% |
| 2024-2025 | 3,865 | 129,056,416 $ | 1.55% | 3.78% |
| 2025-2026 | | 133,791,140 $ | | 3.67% |

נעכטן דינסטאג, איז פארגעקומען די וואלן בנוגע די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט בודזשעט, ווי די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט טוט נאכאמאל העכערן דעם בודזשעט מיט 4.7 מיליאן דאלער, וואס דאס וועט זיין א העכערונג אין סקול-טעקס פון 3.67 פראצענט, פאר אלע איינוואוינער.

דאס קומט טראץ נאך וואס די לעצטע זעקס יאר האט די סקול דיסטריקט בכלל נישט צוגעלייגט קיין נייע סטודענטן צו זייער ענראולמענט, נאר פארקערט, זייער סטודענט ראסטער שרינקט איין און גייט צוביסלעך אראפ, ווען דער גאנצער חילוק «יאר איבער יאר» איז קארגע 100 סטודענטן ארויף צו אראפ.

עס איז וויכטיג אנצומערקן, אז מיט די היי יעריגע שטייער העכערונג, האלט מען שוין זינט תשע"ט ביי פינף און דרייסיג מיליאן דאלער קאלעקטיוו וואס די סקול דיסטריקט האט געהעכערט שטייערן פאר די איינוואוינער פונעם דיסטריקט.

עס איז אויך וויכטיג אנצומערקן, אז צו די זעלבע צייט, איז די מאנראו וואודבארי סקול דיסטריקט וועלכע האט איבער דאפלט די סכום פון סטודענטן און זייער בודזשעט איז היפש ווינציגער פער סטודענט ווי וואשינגטאנוויל, און איז פיל בעסער באלאנסירט.

ווי אויך טוט דער מאנראו וואודבארי סקול דיסטריקט אינגאנצן הייבן דעם בודזשעט פונעם קומענדיגן סקול יאר מיט נאר 1.5 פראצענט, אין די צייט וואס די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט טוט דאס הייבן מיט מער ווי דאפלט פראצענט פון זיי.

דאס אלעס קומט שוין נאכדעם וואס אחינו בני ישראל תושבי עירינו לאזן איבער א גרויסע סורפלאס אין די קאסע פון די סקול דיסטריקט ווען דער עולם באצאלט שטייער און טוט נישט ניצן רובא דרובא פון זייערע סערוויסעס, אויסער טראנספארטאציע. דאס איז אויך אין די זעלבע צייט וואס די סקול דיסטריקט זיצט אויף איבער דרייסיג מיליאן דאלער אין רעזערוו פאנדס אין די קאסע.

# ווילעדזש באאמטע באטייליגן זיך ביי צוזאמקום ביים גאווערנאר מיט עסקנים פון גרעיטאר ניו יארק

מיטוואך אמור איז פארגעקומען א צוזאמקום מיט די גאווערנאר יר"ה, ווי עס האבן זיך באטייליגט פילע עסקנים ואישי הציבור פון גרעיטאר ניו יארק ווי מען האט דורכגעשמועסט זיכערהייט נושאים געאייגענט פאר די אידישע געמיינדעס די בכל אתר ואתר איבער די סטעיט. די גאווערנאר האט זיך ווי שטענדיג פארפליכטעט צו באקעמפן דיסקרימינאציע און אנטיסעמיטיזם און זיכער צו מאכן און ארויסצוהעלפן פאר די זיכערהייט און סעיפטי פון די חדרים/שולעס, בתי מדרשים און געגנטער.

אם השם לא ישמור עיר שוא שקד שומר!



# ווילעדזש פובליק ווארקס וועכנטליכע ראוד סוויפינג



די ווילעדזש וועט בעזהשי"ת דורכאויס די זומער וואכן אויפבעזעמען אלע גאסן וועכנטליך אין די פרייטאג פארטאגס שעות לכבוד שב"ק.

ביטע מאכט זיכער אז אייערע גארבידזש קענס זענען אריינגענומען און אז קיין שום אויטאס און אנדערע חפצים זענען נישט אויף די ראוד פארנט פון אייער הויז כדי אז די סוויפינג זאל קענען דורכגעפירט ווערן גרונטליך און געשיקט.

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע פאר די ריינקייט פון די שטאט.

# או. ענד אר. אינסטאלירט סטריט לייטס אינעם ווילעדזש



אין די קומענדיגע חדשים וועט די או. ענד אר. יוטיליטי פירמע ענדליך אנהייבן די ארבעט פון אינסטאלירן די לאנג ערווארטעטע סטריט לייטס איבער די שטאט.

די ארבעט וועט זיך אנהייבן צום ערשט אין די ווארלי הייטס און די לעיק שאור געגענטער, ווי עס איז שוין פארהאן עלעקטרישע זוילן, אויף וואס די סטריט לייטס וועלן ווערן אינסטאלירט.

ערשט דערנאך וועט די או.ענד אר. פירמע ארבעטן אויף די קעפיטאל הילל געגנט, ווי עס איז פארהאן נייערע עלעקטרישע איינריכטונגען וועלכע לויפן אונטער די ערד אן קיין זוילן.

עס וועט נעמען נאך עטוואס צייט ביז ווילאנג די או.ענד אר. פירמע וועט ארויפלייגן די זוילן און דאן וועלן זיי קענען ענדגילטיג ארויפלייגן די סטריט לייטס צו באלייכטן די טינקעלע גאסן.

ולכל בני ישראל היה אור במושבותם!




# ווילעדזש באקומט גרענט פאר עלעקטרישע אויטא טשארדזשינג סטאנציעס

די ווילעדזש האט באקומען א גרענט פון $250,000, צו בויען 3 טשארדזשינג סטאנציעס אינעם ווילעדזש, נאך וואס די ווילעדזש האט אריין געגעבן אן אפליקאציע פאר אזא סארט גרענט, וויבאלד עס טוט זיך פארמערן די צאל עלעקטרישע אויטאס דאהי, און עס איז פארהאן א פארלאנגביים ציבור פאר עלעקטרישע טשארדזשינג סטאנציעס ספעציעל ביי ביזנעס צענטערן און ארבעטס פלעצער.

די 3 סטאנציעס וועלן זיין אויסגעשטאטעט מיט די גאר שנעלע טשארדזשינג סיסטעמען, ווי עס וועט נעמען בלויז 10-15 מינוט צו טשארדזשען די קאר צו קענען פארן נאך 100 מייל.

די פארקינג ערטער פאר די טשארזשינג סטאנציעס וועט אינסטאלירט ווערן ביי די נייע אויסגעברייטערטע פארקינג לאט ביי די סטאונגעיט ביזנעס צענטער וואס גייט אצינד געבויעט ווערן.

# וויכטיגע דערמאנונג - זומער סעזאן

ווי מען גייט אצינד אריין אין דעם זומער סעזאן, ווילן מיר דערמאנען די איינוואוינער, בנוסף צו איבערן יאר, צו האלטן די פראפערטיס ריין, ספעציעל אין די זומער מאנאטן זיכער צו מאכן אז די גראז ווערט געשניטן צייטליך, און אז אייער פראפערטי און אלעס ארום איז ריין און צוזאמגענומען בכדי אנצוהאלטן און פארבעסערן די ריינקייט און "קוואליטעט אוו לייף", פאר אייך זעלבסט, פאר אייערע שכנים און פאר די גאנצע שטאט.



ווי אויך ווילן מיר דערמאנען דעם ציבור אריינצונעמען די מיסט קאנעס אינעם זעלבן טאג פונעם גארבידזש פיקאפ.

עס וועלן ארומפארן "קאוד ענפארסמענט" באאמטע יעדע וואך צו אינפארסירן די ריינקייט פון די שטאט.

ישר כח פאר אייער קאאפעראציע

ווילעזדש דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער
און אימעיל אדרעס

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די וו. זשעי. סי. טעקסט, אימעיל, און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

פּתחו שערים ויבוא גוי צדיק!

# בית המדרש לעיק שאור עפענט די טויערן פונעם נייעם בנין צום חג השבועות





דעם פארגאנגענעם ערב יום טוב איז געווען א מחזה הוד צו זעהן וויאזוי דער נייער ביהמ״ד לעיק שאור וואס איז געווארן געבויעט אויסשליסליך דורך תושבי השכונה, ווען עס האבן זיך צוזאמגענומען כאיש אחד בלב אחד זקנים ונערים בני הקהילה און צוזאמגעשטעלט דאס געלט, מיט הארץ, נשמה, בלוט און שווייס, מיט א פעסטן רצון צו עפענען דעם ביהמ״ד אויף יום טוב, עפנט טאקע אירע טויערן צום סאמע ערשטן מאל לשמחת לב כל התושבים.

עס איז אריינגעלייגט געווארן אן עבודה רבה וקשה במשך די ימי הספירה, און ב״ה מיט הצלחה מרובה וסייעתא דשמיא איז די ארבעט פארטיג געווארן מיט א בליציגער שנעלקייט און מען האט זוכה געווען מברך צו זיין על המוגמר, ווען ערב יום טוב נאכמיטאג כאשר ינטו צללי ערב האט מען בשטו״מ ברוב פאר והדר געעפענט דעם בית המדרש.

בראש העדה שטייט געטריי הרה״ג בנש״ק הרב צבי יעקב בריזל שליט״א, בן הרב מ׳דזשירקא שליט״א, וואס דינט אלס רב פונעם בית המדרש, וואס ער אליינס איז נושא בעול און העלפט ארויס צו שאפן דאס געלט און עס איז חן המקום על יושביו, ווען ער פירט די קהילה מיט אזא אהבה ואחוה ושלום ורעות, מיט אזא ברידערליכקייט, וכמים פנים אל פנים צווישן די בני הקהילה הערשט א געוואלדיגע צוזאמנארבעט און די קהילה ב״ה וואקסט און בליעהט אויף אלע פראנטן מוסיפין והולכים בקודש, להרחיב גבולי הקדושה ולהגדיל תורה ולהאדירה.

עס איז פארגעקומען אן ערהאבענער מעמד קביעות מזוזות ביים זמן הדלקת הנרות, און נאכדעם איז דער עולם אריבער צום אלטן בית מדרש פאר א מסיבת טועמיה ושתיית לחיים בראשות דעם רב שליט״א, און מען האט ארויסגענומען די ספרי תורה פונעם אלטן ביהמ״ד און אריבער געפירט די









גאס צום נייעם ביהמ"ד בשירה ובזמרה מיט געהויבענע ריקודין בהשתתפות די תושבי השכונה.

עס ברויך דערמאנט ווערן לשבח ולתהילה די חשובע עסקנים עוסקים בצרכי באמונה יומם ולילה לא ישבותו פאר די הצלחה פונעם בית מקדש מעט, בראש וראשון מו"ה דוב פרענקל נ"י חבר הפלעגינג באורד וואס איז טאקע געווען דער ערשטער אכסניא של תורה פונעם אלטן שול פאר אכט יאר, ואתו עמו מו"ה מענדל רובין נ"י ושותפו מו"ה ישעי' הירש נ"י בעלי הפירמא CTI Construction וואס זענען געשטאנען על המלאכה טאג איין און טאג אויס, דורכאויס פילע שפעטע נאכט שטונדן, זיכער צו מאכן אז מען קומט נאך די ארבעט, ואתם עמם דער ראש הקהל הרה"ח כהן שדעתו יפה מו"ה אברהם משה הכהן ווייס נ"י דעפיוטי מעיאר, מו"ה יואל אלכסנדר שטערן נ"י מחברי יו. זשעי. סי., מו"ה לייב ראזנער נ"י ווילעדזש טראסטי, מו"ה בערל פאראקאש נ"י גבאי הביהמ"ד, מו"ה אלימלך שמשון שווארץ נ"י טאון קאונסילמאן, מו"ה זושא פריעד נ"י אישי הציבור זענען געשטאנען מיט אן ענערגיע, מיט פלייסיגקייט, הארץ און געפיל צו עפענען דעם בית המדרש.

השלם זה הבנין! אין די טעג קומט פאר א גרויסארטיגער קאמפיין אז מען זאל קענען גומר זיין דעם פראיעקט, ווען דער בנין וועט זיין כלול ומשוכלל וועט עס פארמאגן א הערליכע פראכטפולע מקוה און צוגאב צו דעם א מקוה טהרה פאר די געגנט און אזוי אויך א שיינער זאל וואס וועט דינען פאר קלענערע שמחות פון די געגנט און אלס א הכנסה פאר דעם ביהמ"ד.

אין זה כי אם בית אלוקים!






# ברוכים הבאים

פאר אלע נייע תושבים וואס האבן זיך אריינגעצויגן
אין די פרישע נייע דירות דא אין בלומינג גראוו תשפ"ה.

הרה"ג ר' **יואל אפענהיים** שליט"א
**דומ"ץ ביהמ"ד קיט"ל ד'סאטמאר 68 דועלק**
ב"ר יצחק שמואל וחתן הרב יודל כ"ץ

הרב **דוד דוב מייזליש** הי"ו
בן הרה"ג אב"ד ביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל שליט"א - וחתן הרה"ג אב"ד ביהמ"ד בית שמואל דקיט"ל שליט"א

הרב **יעקב הורוויץ** הי"ו
בן הרה"ג אב"ד טורנא פלעטבוש שליט"א - וחתן הרה"ג אב"ד וויזניץ בלומינג גראוו שליט"א

ר' **שמחה בער שטיין** הי"ו
ב"ר ליפא וחתן ר' משה דוד ראזענבערג

ר' **משה קליין** הי"ו
ב"ר יעקב יהושע וחתן ר' מתתי' אירגאס

ר' **חיים אשר כ"ץ** הי"ו
ב"ר יוחנן וחתן ר' יואל ברא"ל פעקעטע

ר' **יעקב מענדלאוויטש**
בן ר' וואלף וחתן ר' משה אלימלך זאב זאבעל

ר' **יואל הערש זאבל** הי"ו
ב"ר משה אלימלך זאב - וחתן ר' יצחק ענגלענדער

ר' **אברהם מארקאוויטש** הי"ו
ב"ר הערשל וחתן ר' זלמן לייב סופר

ר' **זלמן הערש צוויבל** הי"ו
ב"ר חיים אלי' וחתן הר"ר דוד שלמה עקשטיין

ר' **יואל ברוך באש** הי"ו
ב"ר משה יודא וחתן ר' שלמה פנחס שווימער

ר' **יעקב שלום שטערן** הי"ו
בן הרב מנחם זאב וחתן ר' הערשל אילאוויטש

ר' **יעקב יוסף ליכטמאן** הי"ו
ב"ר שמואל טובי' וחתן ר' יוסף שמואל ראזענפעלד

ר' **חיים שאלילאף** הי"ו
ב"ר דוד אלי' וחתן ר' נסים סאאל

ר' **אברהם יוסף שטעסל** הי"ו
ב"ר ארי' אשר וחתן ר' משה ווייס

ר' **הלל מאשקאוויטש** הי"ו
ב"ר אהרן וחתן ר' יוסף דוד לעווי

ר' **שמואל מרדכי נאה** הי"ו
ב"ר מענדל בער וחתן ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש

ר' **אלכסנדר דוד סאמעט** הי"ו
ב"ר יעקב יוסף וחתן ר' ירמי' קופטשיק

ר' **אליעזר דייטש** הי"ו
ב"ר חיים וחתן ר' בעריש לויפער

ר' **יודא אססא** הי"ו
ב"ר יעקב וחתן ר' יקותיאל באסול

ר' **מרדכי דוב ווייס** הי"ו
ב"ר יצחק לייב וחתן ר' יהוסף (בר"א) שווארץ

ר' **יואל פעקעטע** הי"ו
ב"ר אלי' וחתן ר' ישראל מאיר מאקאוועצקי

ר' **יואל מאיר בער ווייס** הי"ו
ב"ר וואלף וחתן ר' מאיר וואלף דאסקאל

ר' **ישעי' הערש פאללאק**
ב"ר חיים יעקב וחתן ר' יוסף מנחם האס

ר' **שמשון צבי משה פריעד** הי"ו
ב"ר חיים שרגא וחתן ר' שלמה אפפעל

ר' **משה וויינבערגער** הי"ו
ב"ר משה וחתן הר"ר שלמה הערש עקשטיין ז"ל

ר' **שמואל לייב היללער** הי"ו
ב"ר חיים הלל וחתן ר' שלמה פריעד

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און נייע אידישע הויז אייגענטומער,
איז מעגליך אז מיר האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949